

# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר





(ג)

# הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זצוק"ל

## בעמח"ס "אך פרי תבואה"

### י"ד מנחם אב תרל"ד

**ואלה תולדות:** הרה"ק רבי צבי הירש פריעדמאן מליסקא זצוק"ל באקאנט אלס "רבי הערש'לע ליסקא", איז געבוירן געווארן ט' אייר תקס"ח צו זיין פאטער הרב החסיד ירא שמים מרבים רבי אהרן, און זיין מוטער די צדיקית מרת שרה ע"ה [באקאנט מיט'ן נאמען שרה די בעקערין]. זכר צדיקים לברכה.

**זוגתו:** הרבנית קריינטשא, די טאכטער פון רבי יצחק הכהן פון אוהעל, א גרויסע יראת שמים, כסדר געזאגט תהלים און א גרויסער בעלת הכנסת אורחים. זכר צדיקים לברכה.

**תולדותיו:** א) רבי אהרן. ב) ר' הערשעלע האט געהאט זיבן זוהן און אלע זענען געשטארבן אינגערהייט. חתניו לוקחי בנותיו: א) מרת הענא אשת רבי יוזעאף גאלדבערגער. ב) מרת זלאטא אשת רבי אברהם שווארץ. ג) מרת חיי שרה אשת רבי חים פריעדלענדער ז"ל מ"מ בליסקא ומח"ס "טל חיים" ו"טל חיים וברכה". זכר צדיקים לברכה.

**רבותיו:** "ישמח משה" מאוהעל. "דברי חיים" מצאנז. הרה"ק רבי צבי הערש מרימינוב. הרה"ק רבי מאיר'ל מפרימישלאן. הרה"ק רבי ישראל מרוזין'ן. מרן ה"שר שלום" מבעלזא. "זרע קודש" מראפשיץ. "אור לשמים" מאפטא. זכר צדיקים לברכה.

**ספריו:** "אך פרי תבואה" "הישר והטוב" "אור הישר והטוב".

**על כסא מלכותו:** ליסקא.

**מתלמידיו:** הרה"ק רבי ישעי'לי מקערעסטיר. הרה"ק רבי הערצקי'לע מראצפערט. רבי שמעון מקאמד. בעל 'בית שערים'. בעל קול ארי'. בעל "תבואות השדה". בעל "לבושי מרדכי". בעל "יד יצחק". בעל "בית היוצר". בעל "אבני אליהו". בעל "מעטה נפתלי". הרה"ק רבי משולם פייש מטאהש. ועוד. זכר צדיקים לברכה.

**פטירתו: הרה"ק רבי הערשל'ע ליסקא איז נסתלק געווארן לגנזי מרומים י"ד אב תרל"ד, און ער איז נטמן געווארן אין אן אוהל אויפ'ן בית החיים אין ליסקא. זכר צדיקים לברכה.**

## זיינע אינגע יאהרן

די עלטערן פון הרה"ק רבי הערשל'ע האבן פריער געוואוינט אין א דארף, און שפעטער זענען זיי אריבער וואוינען קיין אוהעל, וואו די צדיקת שרה פלעגט ארויסהעלפן אין די קאך ביים "ישמח משה" אין שטוב. ווען רבי הערשל'ע איז אלט געווען אכט יאר, כ' אב תקע"ו, איז זיין פאטער רבי אהרן נפטר געווארן. איז ער אלס יתום פארבליבן אונטערן חינוך פון זיין מאמע, וועלכע האט אים ערצויגן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט. ווען ער איז עלטער געווארן האט אים זיין מאמע געטראגן אויף די פלייצע קיין דעמביץ אין פולין. דארט האט ער געלערנט ביי הרב הגדול רבי אברהם ז"ל, וואס איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, בקי בד' חלקי שו"ע מיט אלע סעיפים. הרה"ק רבי הערשל'ע האט אים גערופן, "רבי ר' אברהם". שפעטער איז רבי הערשל'ע געפאהרן לערנען קיין באניהאד צום גאון אדיר רבי הירש חריף זצ"ל בעל "טיב גיטין".

ווען הרה"ק רבי הערשעלע איז אהיים געקומען קיין אוהעל פון באניהאד, זייענדיג בלויז פופצן יאר אלט, איז ער שוין געווען בקי אין חו"מ חלק א' מיט'ן "קצות החושן" בעל פה. ווען ער איז געווען א יונגל פלעגט זיין מאמע אויפשטיין ביי חצות הלילה, און געוויינט אויף גלות השכינה און מיט די טרערן האט זי אפגעוואשן זיין שטערן. ער האט דערציילט אז אלס קינד האט ער קיינמאהל נישט געהערט זיינע עלטערן רעדן פון עפעס אנדערש ווי פון חינוך פון זייערע קינדער. אידן פלעגן קומען צו זיין מאמע בעהטן ברכות און רפואות. אויך נאר איר פטירה איז זי געבליבן א מאָסטער פון א צדיקת, און אידן פלעגן ארויסגיין מתפלל זיין אויף איר קבר אין אוהעל, וואו מען איז געהאלפן געווארן בדבר ישועה ורחמים.

אינגערהייט האט הרה"ק רבי הערשל'ע געוואלט לערנען די סודות פון חכמת הקבלה, אבער ער האט נישט מצליח געווען. ביז ער האט געפונען שטיין אין ספרים אז אין פערציג טעג קען א איד ווערן ווי א נייע ברי'. ער האט זיך אפגעשיידט פון אלע תענוגי עולם הזה במשך פון פערציג טעג. אינעם פערציגסטן טאג, וואס איז געפאלן פרייטאג צו נאכט'ס, האט ער געשפיהרט א שוואכקייט און ער האט איינגעדרימלט. ביי חצות האט ער זיך אויפגעוועקט, און זיך געווארן ווי א נייע ברי'. ער האט געשמעקט א גוט'ן ריח, ווי פון גן עדן, וואס ער האט קיינמאהל פריער נישט געשפיהרט, אבער ביי עניני גשמיות האט ער געשפיהרט א שווערן ריח. אזוי אויך נעבן בעלי עבירה און בעלי גאוה האט ער ממש נישט געקענט שטיין צוליעב'ן שווערן ריח. פון דעמאלט אהן איז ביי אים מקויים געווארן "ויגבה לבו בדרכי ה'",—און ער איז געוואקסן גרעסער און גרעסער.

## ביים הייליג'ן "ישמח משה"

הרה"ק רבי הערשל'ע איז געווען א תלמיד פונעם "ישמח משה", פון וועמען ער האט מקבל געווען די דרכי התורה והחסידות. אלס קליין קינד האט ער זיך שוין מתבונן געווען אויף יעדע הנהגה פון זיין רבי'ן. ער האט דערציילט אז אלס אינגל גייענדיג אין חדר פלעגן זיינע חברים, די קינדער צווישן זיך שמועסן, צי דער אוהעלער רב לערנט גמרא תוספות ווייל ער איז שטענדיג פארמאכט אין א צימער. האט ער זיי געזאגט אז ער האט א קלאהרע באווייז אז ער לערנט תורה, ווייל ווען נישט וואלט ער נישט געהאט אזא שיינע צורה. אמאהל איז געקומען קיין אוהעל א עלטערער בחור אויף שבת. און הרה"ק רבי הערשל'ע האט פארשטאנען אז דער בחור גרייט זיך מפלפל צו זיין בשעת די דרשה מיט'ן "ישמח משה". און כאטש ער איז נאך געווען א קינד, האט ער פראבירט אז דער בחור זאל נישט מבלבל זיין דעם רבי'ן, האט ער זיך צוגעגרייט מפלפל צו זיין מיט יענעם בחור און מצדיק זיין דעם "ישמח משה". דער בחור האט אנגעהויבן מפלפל זיין אינמיטן די דרשה, אבער הרה"ק רבי הערשל'ע האט אים אלעס צושטערט, אלעס וואס דער בחור האט אריינגעפרעגט האט ער אפגעוואנדן און אויפגעוויזן אז ס'איז גארנישט שווער. דער ציבור האט געקוקט ווי דאס אינגל פארהערט זיך מיט א גרויסן בחור, און זייענדיג נאך א קליין קינד איז ער פון התלהבות געשפרינגען אויפ'ן בענקל און פארענטפערט דעם בחור'ס קושיות. נאך די דרשה, ווען דער "ישמח משה" איז אהיים געגאנגען, האט אים הרה"ק רבי הערשל'ע באגלייט, און דער "ישמח משה" זאגט אים: "הערשל'ע, וואס האט דער שוטה געוואלט?" הרה"ק רבי הערשל'ע האט פארשטאנען אז ער וויל אים מכיר טובה זיין. יאהרן שפעטער ווען ער האט דערציילט די מעשה האט ער געזאגט אז האט ער געזעהן יענעם בחור און ער האט ל"ע געשטאלפערט מיט'ן רעדן. אין זיינע ספרים זעהט מען דעם גרויסן לעכטיגקייט, וואס הרה"ק רבי הערשל'ע האט געשעפט פון זיין רבי'ן, כמעט אין יעדע פרשה ברענגט ער חידושי תורה וואס ער האט פון אים געהערט. אזוי אויך האט ער מקבל געווען פון "ישמח משה" אסאך מנהגים. אמאהל האט ער זיך אויסגעדריקט: "איך וועל נישט טוען א זאך וואס איך האב נישט געזעהן ביי מיין אוהעלער רבי".

## "כביכול הקב"ה יושב כנגדו"

אמאהל ווען הרה"ק רבי הערשל'ע איז געווען ביים "ישמח משה", האט ער געפונען א פארמאכטע טיהר, און פון אונטער די טיהר האט ער ארויסגעהערט ווי דער "ישמח משה" לערנט מיט נאך עמיצן. שפעטער ווען מ'ער געעפנט די טיהר האט ער קיינעם אינעווייניג נישט געזעהן. האט ער געפרעגט דעם "ישמח משה", "איך האב דאך געהערט אינדרויסן ווי צוויי קולות לערנען אינאיינעם? זאגט אים דער "ישמח משה" מיט א פשטות: ווייסטו דען נישט דעם מאמר חז"ל אויפ'ן פסוק "שפכי כמים לבך נוכח פני ה'",—דרש'נט מען אז "כל תלמיד חכם", יעדער תלמיד חכם, "שיושב בינו לבין עצמו", וואס זיצט אליין, "וקורא ושונה" און ער לערנט, "כביכול הקב"ה יושב כנגדו", זיצט דער באשעפער אקעגן אים, "ושונה עמו", און לערנט מיט אים?!"...

## איר זענט פון די צדיקי אמת

מ'דערציילט אז הרה"ק רבי הערשל'ע איז אמאהל געווען ביים הייליג'ן רוזשזינער זי"ע, האט אים דער רוזשינער געזאגט: "פאר משיח וועט קומען וועלן אויסשפראצן רבי'ס אזוי ווי שטרוי נאך א רעגן", הרה"ק רבי הערשל'ע איז דערנאך געפאהרן צו הרה"ק רבי מאיר'ל פון פרימישלאן זי"ע. ווען ער איז אריין געקומען בקודש פנימה, האט אים הרה"ק רבי מאיר'ל געזאגט: **"נישט אייך האט דער הייליגער רוזשינער געמיינט, ווייל איך האב געהערט א כרוז פון הימל אז איר זענט פון די צדיקי אמת"**.


אך פרי לצדיק : ויעשו פרי תבואה
ספר
אך פרי תבואה
על התורה
צבי הירש
ליסקא
אשר
חלק ראשון
זאב וואלף
יוזעפף
מונקאטש
אך פרי לפי צדיק
MUNKÁCS,
gedruckt bei Pinkas Blayer 1875.
זה השער לה' צדיקים יבאו בו

## בעל מדריגה, ורבן של ישראל

הגה"ק דער "קול אריה" זי"ע האט דערציילט אז הרה"ק רבי הערשל'ע האט אים געזאגט אז דאס וואס ער האט זוכה געווען אז אזויפיהל אידן קומען צו אים פון אומעטום, איז אלעס צוליעב זיין מצות צדקה ע"כ. ווי באקאנט האט הרה"ק רבי הערשל'ע אוועקגעטיילט אהן א שיעור צדקה פאר ארעמעלייט, אלמנות, יתומים און תלמידי חכמים, און ער האט זיך נישט באנוצט מיט די געלט וואס אידן האבן אים געגעבן, נאר ער אלעס אוועק געטיילט און דערפאר האט ער זוכה געווען און געווארן א גרויסער בעל מדריגה, און רבן של ישראל.

## באקומען ציין ווייטאג

אמאהל איז געקומען צו הרה"ק רבי הערשל'ע א איד מיט א קוויטל זיך געזעגענען, און ער האט אים געוואלט געבן א גרויסן פדיון אבער דער רבי האט דאס בשום אופן נישט געוואלט צונעמען פון אים, און וויפיהל דער איד האט פרובירט זיך איינבעהטן דערויף אז דער רבי זאל דאס צונעמען האט נישט געהאלפן. ביים ארויסגיין האט ער געגעבן דעם הויז-בחור א שיינע נתינה. ווען הרה"ק רבי הערשל'ע האט זיך דערוואוסט דערפון האט ער זיך אנגערופן: "נעבעך נעבעך", און באלד האט דער הויז-בחור באקומען גרויסע ציין שמערצן, און דער דאקטאר האט אים געשיקט צו א גרויסן פראפעסאר, און ס'האט אים אפגעקאסט גענוי דעם סכום וואס ער האט באקומען פון יענעם איד. ווען ער איז צוריק געקומען האט אים הרה"ק רבי הערשל'ע געפרעגט: "ביזט שוין פארטיג מיט דעם סכום?" זעהט מען "עד היכן הדברים מגיעים", וואס ס'קומט ארויס פון נישט כשר געלט.

## לעכט אויף שבת קודש

אמאהל איז א חסיד פון הרה"ק רבי הערשל'ע געקומען צופאהרן צום אים אויף שבת. דער חסיד ווען ער פלעגט קומען האט ער שטענדיג געברענגט א פוהלן וואגן מכל טוב וטוב פאר די שטוב פונעם רבי'ן. אבער אזוי ווי ער איז אצינד נישט געקומען פון זיין שטוב, נאר ער איז געווען אונטערוועגנס צוליעב זיינע געשעפטן, האט ער דעריבער גארנישט געברענגט. אבער ער האט זיך געשעהמט צו קומען מיט ליידיגע הענט, אהנדעם וואס ער זאל ברענגען א מתנה ווי געוועהנליך, האט ער דעריבער געקויפט צווי פעקלעך לעכט און דאס געברענגט פאר הרה"ק רבי הערשל'ע. שטייענדיג אינעם צימער זעהט ער ווי דער טיש איז פוהל מיט געלט, צעהנער רענדליך באזונדער, פינעווער רענדליך באזונדער, אזוי זענען אלע געלטער געווען אנגעלייגט אויפ'ן טיש. ווען דער חסיד האט איבער געגעבן די לעכט האט דאס הרה"ק רבי הערשל'ע גענומען מיט ביידע הענט און זיך זייער געפרייד, און ער זאגט פאר'ן חסיד "געליובט דער באשעפער אז איך האב שוין לעכט אויף שבת", און ער זאגט אים אויך מסתמא ווילסטו וויסן פארוואס איך פריי מיך אזוי מיט דיינע לעכט, ווען דער טיש איז אנגעפוהלט מיט אזוי פיהל געלט? זאלסטו אבער וויסן אז דאס געלט איז נישט מיינס, ווייל דער באשעפער האט מיך געשטעלט פאר א גבאי צדקה אויף די געלט, און דארף אפגעבן א דין וחשבון אויפ'ן גאנצן געלט וואס דו זעהסט דא. טייל געלט דארף גיין פאר פדיון שבויים, טייל געלט פאר ביקור חולים. איין ארעמאן דארף קויפן א מעלקעדיגע קוה, אן אנדערן ארעמאן דארף קויפן א פערד, ווייל זיין פערד, וואס האט אים געברענגט פרנסה איז אים פולצלינג געשטארבן, און נאך און נאך. און אויב דו וואלסט מיר נישט געברענגט קיין לעכט, וואלט איך נישט געהאט לעכט אויף שבת.

## נישט כשר געלט

אמאהל האט הרה"ק רבי הערשל'ע געגעבן א גרויסן סכום געלט פאר זיין גבאי'ן און אים געהייסן ער זאל דאס גלייך גיין פארברענען. איז דארט געשטאנען זיין איידעם הרה"צ רבי יוזעפף זצ"ל, און ער פרעגט פון זיין הייליג'ן שווער, אויב ער קען פון דעם געלט קויפן פאר די ארעמעלייט האלץ צו קענען הייצן אין די ווינטער וואס גייט קומען? ווייל ס'וועט אויך האבן א דין שריפה, ווייל די האלץ וועט דאך פארברענט ווערן. האט הרה"ק רבי הערשל'ע געזאגט אז ער איז בשום אופן נישט מסכים. נאר ער זאל פארברענען דאס געלט ממש, אזוי ווי ער האט געהייסן. דערנאך האט פאסירט אז איינער האט גענומען פון די געלט, און מיט א גוטע כוונה לשם מצוה, האט ער באצאהלט א חוב פון שכר דירה פאר אן ארעמאן וואס איז שוין געווען שולדיג שכירות פון א גאנץ יאהר, און דער בעל הבית האט אים געוואלט ארויס שטעלן פון זיין דירה, אבער ס'האט זיך נישט גוט געענדיגט, ווייל דער ארעמען פארוועמען מ'האט באצאהלט זיין שכירות, איז ל"ע קראנק געווארן, און ער האט באקומען געפעהרליכע אויסשלאג פון נגעים אויף זיין גאנצען קערפער, האט מען פארשטאנען, אז דאס איז צוליעב דעם וואס מ'האט זיך באנוצט מיט די געלטער וואס הרה"ק רבי הערשל'ע האט געהייסן פארברענען. איז מען געקומען צו הרה"ק רבטי הערשל'ע מזכיר זיין און בעהטן רחמים אויף דעם ארעמאן, און בית ברירה האט מען אים פארציילט וואס מ'האט געטוען מיט דעם געלט. האט הרה"ק רבי הערשל'ע זיי געזאגט: "וואס האט איר געטוען, דאס געלט וואס איך האב באקומען איז געווען פון א בעל עבירה וואס האט די מחלה ה' ישמרנו, און איך האב נישט געזעהן קיין אנדערע עצה נאר צו פארברענען דאס געלט, און אזוי ווי איינער האט נהנה געווען פונעם געלט, איז געשעהן וואס ס'איז געשעהן.

## נישט קיין צדיק, און נישט גערעכט

אין אוהעל איז געווען דער מרא דאתרא הגה"צ רבי ירמיה לעוו זצ"ל, א שארפער מתנגד צו חסידות, ובפרט אויף הרה"ק רבי הערשל'ע, האט ער גערעדט נישט שיין. אין אוהעל האבן געוואוינט אסאך ליסקא חסידים, איז הרה"ק רבי הערשל'ע געקומען פראווען א שבת צווישן זיינע חסידים אין אוהעל. וויבאלד הרה"ק רבי הערשל'ע איז געקומען האט זיך ערוועקט א וויכוח מיט דין ודברים, צי ער דארף גיין באזוכן אין שטוב פונעם מרא דאתרא, אדער נישט, ווייל דער מרא דאתרא רודפ'ט און פיהרט מחלוקות קעגן אים. פארשטענדליך אז די חסידים האבן געהאלטן אז ער זאל נישט גיין צום מרא דאתרא, אבער הרה"ק רבי הערשל'ע האט אנדערש געהאלטן, דעת קדשו איז געווען אז מ'איז מחוייב צו גיין אלס דרך ארץ, און וויבאלד אז הגה"צ רבי ירמיה לעוו, איז דער מרא דאתרא אין אוהעל דארף מען אים גיין באזוכן. אזוי ווי מ'האט זיך דערוואוסט אז הרה"ק רבי הערשל'ע גייט באזוכן אין שטוב פונעם מרא דאתרא, האבן זיך צונויף געזאמלט א גרויסער עולם חסידים און שארפע אשכנזים, די אנהענגער פונעם מרא דאתרא, און אלע האבן געוואלט זעהן וויאזוי די זאך וועט זיך אויסקאכן. ווען הרה"ק רבי הערשל'ע איז אריינגעקומען אין שטוב פון הגה"צ רבי ירמי' האט ער מיט זיין גרויס פקחות געזאגט: "אוהעל'ער רב, דא אינדרויסן שטייען צוויי כיתות, איין כת ליסקא חסידים, און זיי זאגן "קוקט און זעהט דאס גרויס עניוות און צדקות פונעם ליסקא רבי'ן וואס איז זיך מכניע אונטער זיין גרעסטער מתנגד. און ווידער די צווייטע כת מתנגדים, זיי זאגן, אדרבא פון דעם איז א באוויז אויף פארקעהרט, אז זייער רב איז גרויס און זיין דעה איז ריכטיג און גערעכט. והראי' אז אויך דער ליסקא רבי, בעל כרחו יענה אמן, ווייל פונעם אמת קען מען זיך נישט באהאלטן, און דעריבער איז ער אהער געקומען." אבער איך זאג האט הרה"ק רבי הערשל'ע אויסגעפיהרט: "אזביידע זענען זיך שטארק טועה, **"ווייל איך בין נישט קיין צדיק, און איהר זענט נישט גערעכט"**.

## אשכבתיה דרבי

הרה"ק רבי הערשל'ע איז שטענדיג געפאהרן קיין צאנז ראש חודש אלול. אין יאהר תרל"ג איז ער געפאהרן קיין צאנז, גלייך נאך פסח אויף פ' שמיני. פרייטאג צונאכט'ס האט דער צאנזער רב אים געבעהטן עטליכע מאהל ער זאל זאגן תורה, און דאווענען פאר'ן עמוד. נאך שבת האט ער געגעבן א קוויטל און זיך געזעגענט, ווען דער צאנזער רב האט געעפענט דאס קוויטל האט ער געזעהן אז ס'ליגט דארט א פדיון נפש פון פופציג זהובים, פרעגט ער אים: וואס גיט איר מיר אזוי פיהל געלט? ווען הרה"ק רבי הערשל'ע איז אנגעקומען צו זיין אכסניא האט ער געזעהן אז ס'איז פוהל מיט מענטשן וואס ווילן געבן קוויטלעך, ווייל דער צאנזער רב האט געהייסן אלע זאלן גיין זיך געזעגענען פון הרה"ק רבי הערשל'ע, און דאס איז געווען דאס לעצטע מאהל וואס ער איז געווען אין צאנז. הרה"ק רבי הערשעלע איז נפטר געוואָרן י"ד אב תרל"ד, און ער איז נטמן געווארן אין ליסקא. דער היינטיגער ליסקער הויף ווערט אנגעפיהרט בנשיאות נכדו הרה"צ רבי צבי הערש פריעדלענדער שליט"א מליסקא. **זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. אמן.**

(מקורות: אור הצפון. עלים לתרופה. זכרונם לברכה. תולדות וסיפורי צדיקים-"נר יהושע". מעשי אבות. הילולא קדישא. אנציקלופדיה לחכמי גאליציה. ימי זכרון. דברי תורה לפ' השבוע. נר יהושע. ועוד)